STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01179

BAYM RAND

N. B. Minkoff

Permanent preservation of this book was made possible
by Edward Simon & Harriet Leibowitz
in memory of
Baba (Chana) Saferstein

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. ב. מינקאָוו

ביים ראַנד

פאַרלאַג באָרן
ניו־יאָרק, 1945

Copyright, 1945
N. B. MINKOFF
New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

BEIM RAND
At the Brink
(Poems)
by N. B. Minkoff

אינהאַלט

אומפאַרשטענדלעך . . . 9
לאָזט שטאַרבן . . . 11
דער לעצטער 13
ביים טויטן־וואַסער 16
אליהו הנביא 19
אַן אָפּגעשטאָרבענער 21
ענדלעך . . . 23
דער שטורעם 26
האַרבסט 28
די ווייסע נאַכט 30
האַרץ, ענטפער ניט 32
אין אונדזערע טעג 35
דאָס ניסימדיקע וואָרט 36
דאָס האַרץ פאַרביי 38

צו אַ יידישער דיכטערין פון פוילן (ד. פּ.)	41
פּעגאַס	45
דער לעצטער קנויט	47
אַן ענטפער (ב. וו.)	49
די סטעזשקע	53
הערנדיק בעטהאָווענס „פאַר עליז"	55
דער קוואַל	59
שטילקייט	61
די טויטע נאַכט	63
צלם אלוקים	65
דער ארון	68
גיהנום־טירן	70
אין הויז אומשטערבלעכן	72
ביים גליווערדיקן טייך	74
נאָטיץ	77

ביים ראַנד

אומפאַרשטענדלעך...

די נאַכט . . . די נאַכט וועט אייביק בלייבן שטערנלאָז ?
דאָס חשכות טוט דאָס שטאַרבנדיקע האַרץ פאַרצערן.
ווי איז עס ? זיינען טאַקע קיינמאָל —
קיינמאָל ניט געווען קיין שטערן ?

און איז דען ווען געווען —
אַ טאָג — אַ ליכטיקער, אַ קלאָרער ? —
אָן פּייניקונג, אָן שאָדנפרייד ?
גאָט, פאַרלעש די לעצטע פונקען פון זיכרון.

און ווען־ניט־ווען בלייכט־אויף, גייט־אויף
אַ וואונטש, וואָס ווערט אַ מאָדנער, ווייטער רעיון,
און נאָכדעם . . . נאָכדעם — אַלץ בלחש :
טיפע ווערטער, תפילות ; — פלוצים — אַ פאַרשטיקטער שרייען.

און סאַראַ חוזק . . . הויך אין חשכות בליט
אַ וואָלקנדיק־צעשוימטע האַנט,
און צינדט־אָן — בראשיתדיק — אַ שטערן,
וואָס ציטערט, וואַקסט, און בליצט פון ראַנד צו ראַנד.

און ס׳ווערן אומפאַרשטענדלעך : —
לאַנג־פאַרענטפערטע פאַרוואָסן,
אימהדיקע תפילות, ווייטע ליכט,
און ווילדע ,שטומע חצותן.

לאָזט שטאַרבן...

אין טעג פון אומגלויבן, ווען ס׳ליגט גאָטס ווערק
צעבראָכן,
ווען זיגן זיגט קאָשמאַר, ווען ניסים — גוצלאָזער באַטרוג,
ניט רעד פון טייערסטע אבדות, ניט רעד פון טרייסט,
דערצייל ניט פון בטחון.
מיר האָבן אַלץ געהאַט, מיר האָבן אַלץ געהאַט גענוג.

און יעדע תפילה האָט, אונטער איר פאָרכט, געגנערט הכנעה.
פון ניט־דערוויינטע טרערן שרייט אַ מאָנונג — שווידערדיק
און שטום.
אין הערצער — סמ׳ען די הפסקות אַלע שעהן.
און ס׳וואַקסט אויף יעדן וועג, אויף יעדן טראָט, און ס׳מערט
זיך אומעטום די גיפטנדיקע וואַנזין־בלום.

מיר צינדן ניט, מיר צינדן ניט קיין ליכט. מיר ווילן מער
ניט היטן קיין שום פייער.
לאָזט שטאַרבן, אָן פאַרשקלאַפטע בשורות.
ס׳צערינט דער אמת — וואו נאָר אַ גואל, אַ באַפרייער.
און ס׳פוילט דער ריינסטער קערן אין יעדער, יעדער
פריידנדיקער שורה.

ניט ווייַן, ניטאָ וואָס צו באַדויערן.
די זיגן זייַנען טשאַד, די ניסים — בלויז צעקרימטע וואָר.
דער טויט, אַ זינלאָזער, אין שאָדנפרײידיק הויערן,
באַפּאַלט, צעשענדט, צעפּייניקט — ווען ס'לאָזט זיך נאָר.

דער לעצטער

שוין האַלב נאָך פיר פאַרטאָג.
וואָס שלאָפן — ווער קען דען אין אַזאַ יאָרהונדערט שלאָפן ?
עס לעבן דען די שעהן ? אָ, ניין, זיי זיינען אויך ניט טויט.
און ס׳לעבט ניט, ס׳לעבט ניט מער דאָס האָפן.

דער רעגן, דער אויסגעקרימטער רעגן שטייט. טויט אויך
אַלע אויסגעדרייטע לאָמפן.
ווער איז געווען דאָרט דערביי ? ווער איז דאָרט ניט
געווען ?
און ס׳שווייגט אַ וועלט. עס שלאָפט אַ גאַנצע וועלט.
איז ווער געבליבן פון דעם לעצטן קאַמער, אויפצומאָנען
וואָס ער האָט געזען ?

די מערדער אין די ווייכע בעטן. עקדות־לעמער אין די
ברידער־קברים, קעלערס, וועלדער, לעכער.
ס'איז האַלב נאָך פיר. אָ, וויפל זינקען נאָך, אָ וויפל גייען,
גייען־אָפּ ?
ס'איז האַלב נאָך פיר. דורך ווילדע צוויי יאָרטויזנטער
איז ווער, איז ווער דער קרבן, וואָס איז נאָך אַלץ פון זינען
ניט אַראָפּ ?

אויך היינט פאַרטאָג באַווייזט ער זיך, מיט גרויסע פליגלען
אויסגעלאָשענע, —
דער איינציקער, דער לעצטער, האַלב־צעגליטער, האַלב־
צעאַשטער שרף.
ער קומט און קומט — מיט ווילדע זעאונגען אינמיטן אָט־
דעם ווילדן שלאָפן.
און שטומט, און שטומט — אויף אַלץ וואָס איז דאָ חרוב.

פאַרוואָס ? צו וואָס זיין קומען ? — פאַרוואָס אַזאַ
געדרענג ?
וואָס שאָטענען אַזויפיל זקנים הייליקע, אַזויפיל קדושים,
טהורים,
און שעפּטשען אים אין אויערן : סימנים, צרופים און
כוונות ?
און ווער האָט אויפגעשריען : גאָט, דערבאַרים זיך,
דערבאַרים ?

די זעאונגען, די רעגנס — רירן זיך ניט. אַלץ
פֿאַרגליווערט.
נאָר ערגעץ־וואו פֿאַרהוילן, טיף־פֿאַרהוילן וויינט און וויינט
דאָס האַרץ.

ביים טויטן־וואַסער

ניט ווייט פון נוסבוים שטייט אָפן אַ טיר. די נאַכט איז
פּראַקטיק, שוואַרץ.
ניט ווייט פון שוועל פרירט אַ שטראָם. ביים שטראָם —
צוויי שאָטנס שטאַר.

אין הויז זיינען אַלע טויט. די גאַנצע געגנט טויט.
דער נוסבוים — דערטרונקען אין נאַכט. דער שטראָם
איז טיף און רויט.

מיר האָבן ביידע געשוויגן. צוויי שאָטנס — שטאַר און
שוואַרץ.
איך האָב אים ניט געזען. ער — מינדסטן צוק פון מיין
האַרץ.

ער האָט אַזוי געשוויגן: „בן־אָדם רופט מיך צוריק".
האָב איך אָפּגעשוויגן: „אין תהום. ווען אַלץ איז
דערשטיקט".

געפּראָסטיקט האָבן די שאָטנס. פון וואַנען פלוצים אַ היץ?
אַ שטערן וואַקסט פאַרביי. און טוט מיט גיהינום אַ שפּריץ.

ער שווייגט צו מיר ווידער שטיל: „זעט, וואָס איר האָט
דאָ צעטאָן?
דערמאָן מיך, זאָל זיין אומזיסט. דערמאָן. דערמאָן.
דערמאָן".

איך האָב אים צוריקגעשוויגן: „ניטאָ שוין מער קיין זינען".
האָט ער שטום געבעטן: „דערמאָן. כ'ווער ניי'ער
באַגינען".

— „ס'מאַכט ניט. ניטאָ ווער זאָל דאַרפן. די וועלט איז
בלינד ווי דו".
האָט ער געענטפערט אַ שווייגן: „ניט איך, בלינד ביסטו".

דער נוסבוים פאַרטראָגן אין חלום: צוויי שאָטנס ביים
בלוטיקן שטראָם.
ביים יבוק מיט שווייגן שטרייטן: גאָט און אַ בשר ודם.

קיינער האָט דאָרט ניט געזיגט. איך בין בלויז אַראָפּ פון זינען.
כ'האָב דערמאָנט. דערקענט. באַשוואוירן. ניטאָ, ניטאָ זיין באַגינען.

אליהו הנביא

מעת־לעתן — קיין וואָרט, קיין פייער.
קומט ווען דער יום־הדין ?
מיר זיצן געלעמטע, מיר מתים,
און קוקן אין חשכות, אָן זין.

דער טייך אין דרויסן פאַרגליווערט.
דער וואַלד — אַ וויסטער רעיון.
ערגעץ־וואו גליט אַ טראָט,
אַ יש, אַ יש־מאַין.

פלוצים — אַ פראַל די טיר.
אַ רגע — אַ בלענד דער גיהינום.
ער איז אַריין אַ ווילדער,
און שטאַר געוואַרט אויף וועמען.

און אָט — אַ שליידער דעם זאַק,
און אויסגעפלאַצט אין געוויין.
שפעטער — האַרט ביי די ווענט,
שפעטער — דעם קאָפ אין די הענט.

שווער איז צו זען אים אין חושך.
שווערער בעת ער איז דאָ.
פֿאַרזונקען אין תהומיקן שווייגן,
אַ שווייגן וואָס איז גאָר ניטאָ.

און אפשר — צום ערשטן מאָל,
צום ערשטן מאָל — אַנשלאָפֿן.
ערגעץ־וואו אָטעמט אַ רעיון.
די טיר איז גאָרניט אָפֿן.

ענדלעך — גענומען טאָגן.
פֿון וואַנען ? פֿון וואַנען ? פֿאַרוואָס ?
און לאַנג און לאַנג האָט גענומען.
און חצות איז געבליבן חצות.

מיר זיצן געלעמטע, מיר מתים.
ער איז שוין פֿון לאַנג דאָ ניטאָ.
אין דרויסן גייט־אויף אין ווייטן
אַ מת אין כעלות־השעה.

אַן אָפּגעשטאָרבענער

איך האָב דעם בליצלאָמפּ פּלוצים אויסגעלאָשן.
האָבן גלייך די שטיינער אויפגעהערט צו האָגלען אין די
פענצטער.
אָן ליכט איז פינצטערניש געוואָרן בלוי און דורכזיכטיק.
און שטיל. קיין סימן פון אַ מענטש. קיין צייכנס פון
געשפּענצטער.

דער הימל איז געוועזן אויפגעריסן און צעפליקט.
בלויז שפּינוועבס לויכטן אין די ריסן פון זיין אַשיק
שטערן־קלייד.
אַ מאָנסטער־שפּין האָט די לבנה פון דער נידעריקסטער
נעץ אַראָפּגעקוקט.
איר שמייכל — פול מיט מינדערזין און שאָדנפרייד.

אַן אָפּגעשטאָרבענער בין איך ביזן העלן טאָג
ניט אָפּגעטראָטן פון די אויסגעזעצטע פענצטער.
איך האָב געהיט פאַרוואונדערט און אָן שרעק, —
געצווייגן, בערגלעך,ביימער.
און שטיל. קיין איינציקע געשטאַלט. קיין סימן פון
געשפּענצטער.

העלער טאָג. שוין שעהן ווי גאָטס פייערדיק געזיכט
קוקט אַלץ אַהער אַראָפּ.
אַן אָפּגעשטאָרבענעם איז מיר אַלץ איינס, צי ס׳איז גאָטס
חסד צי זיין צאָרן.
נאָר איינס איז זיכער: כביכול קוקט און זעט און —
שווייגט.
און קיינער מאָנט מער גאָרניט פון אים; אפילו איך,
דער אומשולדיקסטער צווישן אַלע בכורן.

ענדלעך . . .

ענדלעך —— שלאָף. עס וואַכן בלויז די שלייפן.
קלאַפּן אויס דעם גזר, אָן חלום, אָן שום צווייפל.

אין דרויסן רעדט פאַרשטעלט דער רעגן מיט דער רינוועּ.
לבנה שטעלט־אויס פּאַסטקעס, שפּינט און שפּינט
מכלומרשט שפּינוועב.

אין זעל האָט קיין שום שאָטן ניט געהאַט קיין שילטה.
איצט צאַפּלט דאָרט דאָס לעצטע פייערל אין לאַפּעס
פון געוויטער.

ווי ס׳באַפאַלן ווילדע זעאונגען, באַפאַלן שלאַנגען און
היענעס.
אַ ריס פון שלאָף, און זע —— מיין אייניקל, אַ זקנה, לייענט
שטיל די צאינה וראינה.

גייט אום אַ האַנט, לאָזט צייכנס אויף באַשטימטע טירן.
נביאיש לויפט יחזקאל אום אין פייער, ברענט אויס
איטלעכע מסירה.

און ווידער —— שלאָף. און ווידער וואַכן בלויז די שלייפן.
ווי נאָדלען שטעכן, שטעכן־אויס אַ סוד : אַ גזר, אָן חלום,
אָן שום צווייפל.

און ענדלעך, ענדלעך —— דער דערוואַרטער מת. איז
שוין נאָך אַלע שדישע נגישות ?
עס וויל אים אויפנעמען גאָטס האַנט. צעפּאַלט ער
לאַנגזאַם, און קרישטלט זיך און קרישטלט.

מען זוכט, פאַרלאָרענע, דעם קדמון דאָ. ניטאָ צומאָל
זיין צייכן.
דער רעגן קלאַפּט מיט טראָפּנס בלוט. די שטוב איז פול
מיט רעגן און מיט איכה.

מען יאָגט אַהער די שכנים. אויסגעקרימט, דערשטוינט,
פאַרווירט.
דער ווידער פון עקדת־יצחק — אַ געשאָכטענער, און יצחק
אין אַ פייערן־געצוויַיג פאַרפירט.

ווי מטורפים רעדט מען דאָ, אין מאוימדיקן פחד, אויפן וואונק.
ניטאָ דער ווידער. אויך יצחק איז פאַרברענט. פאַרפרוירן איז געבליבן שטיין די לעצטע פלאַמען־צונג.

דער מאָרגנשטערן גייט־אויף בלייך ווי קרייד. אָ, אויגן, אָ פאַרגלייזטע אויגן.
די נאַכט ווערט פנימלאָז, זינקט דאָ אָטעמלאָז, פון קאָשמאַרן אויסגעצויגן.

דער שטורעם

געווען שטיל. מען האָט געאַנט דעם שטורעם.
געזען דאָס נאָרדליכט — נעפּלדיק און קראַנק.
די נאַכטזון — ווייס, אין געלן קרייז געפורעמט.
דער מילכוועג — אויסגעצויגן אין אַ מעסערדיקער שלאַנג.

אין וואָרצלען גרונטיקע, צעריסענע פאַרפּלאָכטן,
שלאָפט דער אָדם קדמון טיף אין שימלענדיקע שטראַלן.
מען האָט געוואַרט, אין שרעק געוואַרט, פאַרלאָשענע, פאַריאָכטע.
און ס׳איז קיין איינציק וואָרט פון קיינעמס אָטעם
ניט געפאַלן.

און וואָס געוועזן — ניט צו דערציילן. מיט טייכן בלוט —
פאַרביי דער שטורעם.
דאָס נאָרדליכט — שוואַרץ און טויטלעך־קראַנק.
די נאַכטזון — רויט אין אַ באַגילדטן קרייז געפורעמט.
דער מילכוועג — אויסגעצויגן אין אַ טויטער שלאַנג.

האַרבסט

דאָס הייזל שטייט פאַרוואָרפן ווייט ביים וואַסער.
קיין זעל. קיין זעל. קיין לעבעדיקע זעל.
די נאַכט איז צוגעפאַלן הונגעריק, אַ ווילדע, אַ טויט־בלאַסע,
און ניט אויפגעהערט צו וואַרפן זיך מיט בליצנדיקע
שווערדן אויף דער שוועל.

איך האָב אַ כאַפּ געטאָן, צעריסן אַלע צייטונגען, זשורנאַלן.
איך וויל ניט, און איך קאָן ניט מער.
דאָס האַרץ האָט אויפגערוילט, צעווײנט זיך, איינגעפאַלן.
און ס׳שפּאַלט די טיר זיך — שווערד נאָך שווערד.

עס גייט ווער דורך די ווענט. ווער האָט אין פייער דאָ
אַ בלענד געטאָן ?
עס האָט ווער דאָ די ראַדיאָ פּלוצים אויפגעדרייט.
האָט באַך אַ שטראָם געטאָן, אַ פלייץ געטאָן.
און פּלוצים האָט אין מיר אַ שווערד געפּלאַצט. און כ׳בין
געשטאָרבן ביז מיין טיפסטער שייד.

איך האָב דאַן קלאָר דערהערט, גאָט קלאַפּט ביי מיר אין
אָדער.
און זוכט אַ וועג. און קלאַפּט. און וועקט מיך. אַ
פאַרצווייפלטער. און וועקט.
און הבלס קולות האָבן זיך אין מיר געוואָרפן, געשריען
און געזאָדן.
און גאָט האָט אַלץ געקלאַפּט, געקלאַפּט — און האָט
זיך מער שוין ניט אַנטפּלעקט.

די ווייסע נאַכט

באַרג. מיין איינזאַם הויז. די נאַכט איז טויטלעך־ווייס.
געפילדער פון אינזעקטן־מחנות רירט די בלוטן — סמ'יק
שוואַרץ.
דער אַלטער קאַסטן־זייגער מאָנט און מאָנט, פאַר וועמעס
גרייז ?
די איינציקע, וואָס זיינען טויט — דער מולד און מיין האַרץ.

עס לייגן־אויס זיך ווערטער שרעקלעכע אין קילן בלוט.
בילדער. בילדער. מענגעס מאָרדן בליצן, בליצן־אויף־
לעשן, צינדן זיך אָן אויפהער. אייביקייטן טריפן פון
מינוטן.
דאָס מויל איז אויך שוין טויט, ווען ס'ברעכט דער הימל
זיך צונויף.

אין פייער־מבול טרינקט זיך זינקענדיקער סדום.
עס רייסן הענט זיך קלאַמערן אָן שווימענדיקע חתימות,
זיגלען.
אַ צאָרנדיקער נביא וואַקסט פון פלאַמען־שטראָם.
הייבט זיך, הייבט זיך אין אַ וואָלקן פייערדיקע פליגלען.

באַגין איז אויפֿן באַרג — תּכריכים־ווייס.
די שטילקייט רירט די בלוטן — סמ״יק שוואַרץ.
דער אַלטער קאַסטן־זייגער מאָנט און מאָנט, פֿאַר וועמעס
גרייז ?
די איינציקע, וואָס זיינען טויט — דאָס מויל, דער מולד
און מיין האַרץ.

האַרץ, ענטפער ניט...

האַרץ. האַרץ. צייל ניט. ענטפער ניט.
זוך ניט, זוך ניט, האַרץ, ווּעסט ניט געפינען.
סך־הכלען שטאַרבן, אין לעצטן רויש פון לעצטע טריט.
סך־הכלען ווילן ניט און דאַרפן ניט קיין שום באַגינען.

די לעצטע שרפות, מאוימדיקע שוואַרצע שרפות:
לעצטער, ווילדער הימל־קאַך.
דאָס פלייש פון גוף — שיילט זיך, שיילט זיך ביזן אַראָפּ.
מיט דונערדיקע האָגלען פלאַצט דער הימל, דער סאַמע
לעצטער תוך.
און אַלע אַלטע שימלענדיקע געטער לאַכן פלוצים
הילכיק אָפּ.

און סטרא־אחרא טראָגט זיך, שנאַפּט און זוכט דעם
שעת־הכּושר.
זוכט אונדז, די סך־הכּלען, די סקעלעטן.
דער שטורעם כאַפּט אונדז אַלעמען, די ביינער בעטן,
שרייען, רוישן.
און נאָר די ווירבלענדיקע שאַרבנס לאַכן שטום און שפּעטן.

דער שטורעם רייסט אַרויס די ווילדסטע פעלזנשטיינער,
טיפסטע גרונטן.
און שליידערט זיי — אין בליץ־שנעל זינקענדיקע טיפן.
און פייער־בייטשן סווישטשען, שרייען־אויף און טרינקען
זיך אין ימען וואונדן.
און נאָר די ווירבלענדיקע שאַרבנס לאַכן שטום, ווי זיי
וואָלטן דעם סוד באַגריפן.

און ניט קיין טויערן, און ניט קיין שוועלן, און קיין יסוד, —
ניטאָ. ניטאָ. ס'איז אַלץ געווען אַ זיסער טרוים פון אַ
פאַררעטעריש געוויסן.
צום ערשטן טאָג, אור־ערשטן טאָג איז אונדזער בלוטנדיקער
קאַראַהאָד.
ביז ס'וועט דער לעצטער שאַרבן זיך צעשמעטערן אין
ערשטן בוים פון וויסן.

האַרץ. האַרץ. צייל ניט. ענטפער ניט.
זוך ניט, זוך ניט, האַרץ, וועסט ניט געפינען.
סך־הכלען שטאַרבן אין לעצטן פונק פון לעצטן שניט.
סך־הכלען ווילן ניט און דאַרפן ניט קיין שום באַגינען.

אין אונדזערע טעג

אַ בלויער וואַלד. אַ שטומער. שטומער נאָך פון אַלע
הימלען.
געריך פון וואָרצל־אָרגיעס, שימלענדיקע כמאַרעס,
פּאַראַזיטן.
ביים ראַנד — אַן איינזאַם ביידל. בלינד און טויטלעך־ווייס.
גרינע בליצן שטאַרבן אין פאַרפעסטע בליטן.

אַ טיר אַן אויפגעריסענע. אַ וועוועריק גילדענער שפּרינגט
אומשולדיק פאַרביי.
בלייבט שטיין דערשראָקן. האָרכט דעם שטומען וואַנזין
פונעם וואַלד.
די קילקייט איז אַ שאַרפע און אַ קראַנקע.
ליכט פון שכינה אויף דער שוועל. איבער אים אַ טיפער
זקן אויפגעהאַנגען.

דאָס ניסימדיקע וואָרט

דאָס וואַסער בלאַנקט. דער נס, דער איין־און־איינציקער,
איז אויף אים אַלץ נאָך ניט פאַרצייכנט.
עס נעמט קיין סוף ניט צו מיין וואַרטן. ניט אויפגעגאַנגען,
נאָך ניט אויפגעציטערט די דערלייזנדיקע שריפט.

פון פאַלשקייטן געפייניקט און פאַרצווייפלט, —
ווערט יעדע רגע שאַרפער נאָך מיט דין און דינסטן גיפט.

איז אַ מחנה אָנגעקומען, אָנגעלאָדענע מיט ביקסן,
און איינער האָט מיט דורכזיכט־שטראַלן דורכגעדרונגען
מיין מחשבה מיט געוואַלד.

האָט מען פון מיר, ווי פון דעם שרעקלעכסטן פאַררעטער,
אין טאָרטור־קאַמערן אויסגעקנאָטן אַ פאַרזעעניש־
געשטאַלט.

ביז וואַנעט אויך מיין צונג האָט מיך פאַרראַטן,
און געשילדערט רואיק אַזעלכע זינד, וואָס מען קאָן גאָרניט
פאַרבאָרגן אונטער קיין שום פאָן.

און ס׳האָט דער אָפּגרונט מיך געשלונגען טיפער, טיפער.
ביז עס האָט מיך חיותדיק צעלעכערט אַ נאַכטיקער
סקאַדראָן.

און ווען פון מיר דער זכר איז געווען גרינטלעך אָפּגעווישט,
האָבן, ווי קאָשמאַרן, אָנגעהויבן פרישע אָרגיעס ווימלען
פון מיין לעצטן אָרט.

אין גיהינום איז איצט גרינגער. מיינע פאַלשע ווידויס —
לאַנג צערונען.
און נאָך דעם סוף דעם ביטערן — איז אויך פאַרלאָרן דאָס
געהיימע ניסימדיקע וואָרט ?

דאָס האַרץ — פאַרביי

האַרץ, פאַרגיב.
זיי זאָגן, ס׳פּאַסט ניט.
פאַר מאָדערנע דיכטער פּאַסט ניט צו דיר רעדן.
און דאָ, קום איך גאָר, פול מיט זעלן־שטויב,
דער האַלדז מיט טרערן,
און כ׳טאָפּטשע זיך גאָר, אַ פאַרלוירענער,
העט פון הינטן,
הינטער אַלע אומפעלבאַרע רעטער, וואָס צויבערן
אין סוד׳פולן קאָנסיליום ביי דיין פּאַטאַלן טיש.

די ווייכע טויבן־ווערטער זיינען לאַנג געשטאָרבן.
קיין טרוים איז ניט געבליבן פון אַלע דיינע מעסעס.
די ווייכע טויבן־קושן — ניין, ניין ניט רעדן.
די וועלט — פון אַלע אויגן בליצן מעסערס.

מען גיט מיר איבער וואָס עס מישן,
דאָרט אויבנאָן, די מומחים גרויסע.
ניט גוט איז, האַרץ, אויף זנאַכער־טישן,
צווישן פליאַסקעדריגעס, גוס׳ען.

דו ווייסט, דו ווייסט שוין באַלד,
וואָס ס׳קען קיין שטערבלעכער ניט וויסן.
און איך — אָ לאָז מיך דיינע רעטער זאָגן:
„אַדיע, איר איידלסטע באַפרייער, איר גואלים פון דעם
ריינסטן, פון דעם דופטיקסטן געוויסן.

געלע שטערן ליגן אין די שוואַרצע בלעטער.
און אַלע דיינע ווערטער, וואָס כ׳געדענק נאָר, —
זיי זיינען געטלעך קלאָר, נאָר גענפלדיקער ווערט גאָר
זייער מיין.
ניין, ניט דו, ניט דו, — דאָס בין איך
געוועזן אַ מאָדנער טרוים, אַ פלוצימדיקער זשעסט.
דו, דו ביסט שטענדיק, שטענדיק מיין איין־און־איינציקע
אַנטרינונג.
אָ, מיין צאַפּלענדיקע נעסט.

מיין ברודער, ווייסט שוין, איז אין דאַכאַו.
דאָס גרינע פּייער — אויך שוין אין מיין הויז.
דער קאָפּ איז טעמפּ. דער ווילן — אַ געלעכטער.
בלויז דו, — אָ דו, וואָס ביסט פאַרביי,
פליסטערסט שטום —— צו וואָס ?——
אַ ציטערדיקע שורה פון אַ ליד,
אַ פאַרלאָרענעם געמיט,
אַ צוויט,
אַ בליט,
אַ גאָרניט,
גאָרניט,
גאָרניט.

צו אַ יידישער דיכטערין פון פוילן
(ד. פ.)

דער דעמער חלשט אומגעהייער לאַנגזאַם אויף די
פעלזן־בערג.
דאָס שטאַרבנדיקע פייער־שפּיל פון האָדסאָן־טייך
גייט אויס.
אָט דאָ, ביים שוואַרצן וואַלד, האָט ווייסער אדל
געשאַפן טייל פון זיינע ווערק;
פאַררעטעריש געשאָכטן פרידלעכע אַלגאַנקווינס
ביי די „קענטיקאָיס״.

אָט דאָ, ביים שוואַרצן וואַלד, לויכט מאָדנע אייער
דורכזיכטיקער בריוו.
איר ווייַנט? דאָס טיף־פאַרבאָרגענע געוויין איז
אונדזער טרייסט.
דער ווינט, אַן אומרואיקער, רעדט פון עצמקייט.
און טויט, אין טיפסטער מאָנאָטאָניע פאַרטיפט.
דער דעמער ענטפערט ניט. ער ווערט געלאַסן אין
אַ שוואַרץ־שיגעון אויפגעלייזט.

אין שפּעטער נאַכט. דער טאָל דערציילט אויפסנײ פון ווייסן מיאוסן פאַרראַט.
די מעשה, וואַנזיניק מעטאָדיש, פליסט אין צאָרנדיקן מעטאַפאָר.
די שפּראַך — ווילד־הייליק, מיט רוישנדיקע טויטן זאַט.
בין איך דען וואַך ? ווי טיף־פאַרבאָרגן ס׳טריפט די נאַכטוואַנדלישע וואָר.

איבערן האָדסאָן־טייך שלאָפט דער לאַגער פון דער אָפּיצירן־שול.
זיין לייכטורעם כאַפּט רעגלמעסיק דורך, מיט פלאַמען, מיין טרויעריקן טיש.
נאָך שלאַכטן האָט קאָסציושקאָ דאָרט געטרוימט פון גרויסן פרייהייט־גבול.
אין מיר גרוילט פשיטיק, בריסק, פון שרפות העלישע דער ציש.

עס טיפט די נאַכט. ס׳וואָראָזשען גרילן בשורות חרובע אין ימען שוואַרצן אַש.
איך בין ניט מענטש — עס שלאָפט אין מיר אַ האַרץ פון שטיין.

כ׳וועט אורשפרינגלעך רעאַל אין אייער אויסגעוויקלטן
מאַנטאַזש.
און אין דעם קינדהייט־לשון, פּויליש, גליען אייערע
„אַקאַציעס״ קלאַסיש, ווילד און וואונדערשיין.

און מאָדנע האָט דער נעפּל דאָ געבראַכט מיצקעוויטשן
און עדגאַר עלען פּאָו.
מיר שוויגן. פּליסטערן. מאָרבידע מעסע. חורבות.
פּוילן. ראָב. לענאָר.
כ׳האָב מאַגנעטיקיש פאָרגעלייענט פון אייערע „אַזאַליעס״
די חרובע און ווערנדיקע שעה.
מיצקעוויטש: „באַגין פון פרייהייט, נאָך דיר ווערט
אויפגיין די זון פון רעטונג״; און פּאָו: „קאָשמאַר
און וואַנזין זיינען אייביק, אייביק וואָר״.

ווען בלייך געוואָרן זיינען „מיט־פיגורן״ פון דער
שטאַרבנדיקער נאַכט,
האָט „מעגיס״ שאָטן איבער מיר געהויערט שטיל
און אומגעהייער מיד.
אין צאַנקענדיקער שטים מיר שטום אַ שטעל פון אייער
בריוו געבראַכט,
און נאָכדעם: „ווי מערקווירדיק, דו האָסט דאָ פּונקט
אַזוי פאַרטראַכט דיין ליד״.

טאָג. דער טאָג איז קיינמאָל ניט קיין טאָג פאַר מיר.
די נאַכט ברענט אייביק טרויעריק מיט וויסטן
שטייגן און מיט פאַלן.
איך זוך אייך אַלעמען פאַרחלשט ביי יעדער
שאַפנדיקער טיר.
און טירן שווינדן, שווינדן־אָפּ, און בלויז געציילטע ווערן
ניט אין טאָג פאַרפאַלן.

קאָלד ספּרינג, נ. י. 1937

פּעגאַס

דער וועג ליגט אַ געפאַנגענער אין צויבער פון לבנה.
ליגט טויט. פאַרכישופט טויט.
די וועלט אַרום איז וויסט. אין הינערפלעט פאַרטראַגן.
און בלויז ביים לעצטן פּלויט:
אַ זאַטער חזיר רואיק שלאָפט, און לעבן אים
געפענטעט, וואַרפט זיך אַ באַפליגלדיקער אָגער.

די נאַכט. די נאַכט. די לאַנגע נאַכט. די וואַנזיניקע נאַכט.
וואו זיינען, וואו, די אומפעלבאַרע געטער?
מסתם אין הילפלאָזע רעיונות פאַרהוקעט, אויסגעלאַכט.
און וואו — די העלדן, פירער, רעטער?

די חורבות זעט מען ניט. אַלץ געפאַנגען אין דער
בלענדקייט פון לבנה.
אַ פאָלק ליגט טויט. פאַרראַטן. טויט.
און אַלץ איז זינלאָז דאָ. אין הינערפלעט פאַרטראָגן.

און בלויז דער פליגלדיקער אָגער וואַרפט זיך נאָך,
גזעבונדענער ביים פלויט.
ביז וואַן — עס האָט פעגאַס געחלשט ביי דעם חזירס פיס.
דער קרייז פון מולד האָט אַ בליץ געטאָן אַרום זיין
אויסגעצערטן קאָפּ.
געבליצט, געלאָשן זיך, געבליצט מיט שפּיז אויף שפּיז.
און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שרפדיקן אָרעאָל.

אָן אויפהער פלאַצט דער פלויט מיט שוועבלדיקע שטערן.
פון פייער וויקלט זיך אַרויס אַ ווייסע טויב.
גיט זיך אַ ריס, און מיטן שנאָבל פּירט זי שנעל
אַ ווילדן דימענט־בליץ.
און פאַרשווינדט — אין הויכע פעלדער פון לבנה־שטויב.

און ס'הייבט פעגאַס זיך אַ באַפרייטער.
און ס'שוועבן זיך נאָך אים פאַנאַנדער אַלע מתים,
חורבות, די דערלייזער, רעטער,
און דער טויטער וועג, מיט די אומפעלבאַרע טויטע געטער.

די נאַכט. די נאַכט. די לאַנגע נאַכט. די וואַנזיניקע נאַכט.

דער לעצטער קנויט

וועט אויפגיין דיין פּנים ? צווישן ריזיקע וואָרצלען
זיך איך — געהיט פון דער שלאַנג — און וואַרט.
דאָס טייכל גליוועדט אין שוואַרצן דעמער,
און איך — ניט פאַרבלענדט — דאָך גענאַרט.

ניטאָ גאָר דיין פּנים ? די שלאַנג דרעמלט רואיק.
איך ווער שוואַרצער. ניט איך טראַכט. ניט איך רעד.
די נאַכט סמ׳ט דעם וואַלד. דער וואַלד וואַקסט אָן אָטעם.
איך הער קלאָר, וואָס אומקלאָר געשעט.

ביסט אַפילו קיין טרוים ניט געווען ? און אַ נאָמען
האָסטו. און כוהנים — און טעמפּלען געהאַט.
מיין שטרייט מיט דער שלאַנג — צוליב דיר דאָך געווען.
און געזיגט האָבן ביידע : איז דאָס ניט פאַרראַט ?

די נאַכט בלייבט שוין אייביק דאָ נאַכט. איך וואַרט שוין
אויף קיינעם ניט מער. די שלאַנג לעבן מיר איז שוין טויט.
דאָס טייכל, וואָס אָטעמט נאָך, זע איך ניט מער.
פאַרזונקען אין חשכות פון בלוטן, לעשט זיך דער
לעצטער קנויט.

אַן ענטפער

(צו ב. ו.)

דו שרייבסט, אַז קלאָרקייט איז דער עיקר.
מיט ליבשאַפט, דאָך — דיין ניט־דערזאָגטער פאָרוואורף
איז צו מיר געווענדט.
ווי וואָלסט געזאָגט: „עס חושכן אין דיינע לידער
אומפאַרשטענדלעכקייטן שטיקער,
און ס'ווערט אַ לעבן זיגיקלאָז פאַרשווענדט.״

ווי דורך אין־סוף ספירות — אונדזער דאָרשט צום
מקור פון דעם אויסשטראַל,
איז אויך דאָס אין־סוף ליידן — דורך מחיצות צו דער
גוואַלדיק בלענדנדיקער שיין.
און ווי יעדע שוועל פון שטייגנדיקער גסיסה האָט איר
באַזונדער גורל, איר באַזונדער פאַלן,
אַזוי האָט יעטוועדע מדרגה איר באַזונדער קלאָרקייט,
איר באַזונדער פיין.

דו שרייבסט, אַז קלאָרקייט איז דער עיקר.
מיך מאַטערט אויך דער דאָזיקער געדאַנק — און
צייטנווייז, ביז האַס,
ווייל מיט וואַנזין און פאַרראַט איז אונדזער היינט
פאַרשיכורט,
ווייל מיט גרויל איז אונדזער זיסטסטער טרוים פאַרקנסט.

מיט ווייטסטער זיניקייט קומט מיר אויס דעם אומזין
צו דערגרייכן.
און כ'פּעסטיק אים: פון דעם יסוד ארויף ביז צום געזימס.
דערפאַר — מיין בילד — אַ קאָשמאַרדיקע זעאונג,
דאָך פיינלעך קלאָר געצייכנט;
דערפאַר מיין וואָרט, אין ווייטיקן געצאַמט, איז
פינקטלעך און באַשטימט.

און דאָך — מיין מי איז גרויליק־איינזאַם, פונקט ווי
איך אַליין.
איז מיין מדרגה קלאָרקייט — אַזוי נידעריק אין תהום?
מיין יעדער טאָג פון גסיסה — איז דורשט צום מקור
פון דעם מיין,
מיין יעדע נאַכט איז אַנגסטן, געמינטערט פון
אַ ווייטן דורות־שטראָם.

דער עפּל־סאָד

ביים סוף פון טאָג איז ער פּאַטעטיש, ווי אַ נכנע,
אָן לשון, איינגעהויקערט און, ווי פּחד, בלאַס.
דער דעמער זילבערט — מילד, באַרעכנט —
די דעמוטיקע קרוינען, האַלב אין טרויער, האַלב אין שפּאַס.

ווען פינצטערניש פאַרהילט דעם הימל,
ווערט דער נכנע גאַווהדיק פאַרריסן.
בייגט דעם קאָפּ דאָס אומשולדיקע בלימל,
דאָס גאָלד פון וואַסער הערט אויף פליסן.

אין מיטנאַכט וואַלגערט זיך פאַרשעמט
דער מולד פאַר די שטאָלצע שטאַמען.
וויינען סאָוועס וואו פאַרקלעמט.
שפּיזלעך נעפּל — סמ׳ען, סמ׳ען.

שוואַלבן ברענגען דעם פאַרטאָג.
נאַסע פליגלען פול מיט פערל.
קומט אַ חלום מיטן טאָג.
ברענגט געגעזונג מיט די שפערל.

פליגן, שיכור פון דער נאַכט,
זשומען ביי צעפלאַצטע עפל.
טראָגט דער מאָרגן־ווינט פאַרטראַכט
זויערקייט און פרומען פרעפל.

אַ גאַנצן טאָג איז ער פאַטעטיש, ווי אַ נכנע,
אָן לשון, איינגעהויקערט, און, ווי פחד, בלאַס.
און בלויז דער דעמער זילבערט — מילד, באַרעכנט —
די דעמוטיקע קרוינען, האַלב אין טרויער, האַלב אין שפאַס.

די סטעזשקע

דורך סקאַלעס און שיפּועים פירט אַ סטעזשקע, דין און שאַרף,
פאַרלירט זיך, שפּרינגט אַרויס, ווערט שוואַרץ און פּלוצים אָנגעצונדן.
פון היילן ציטערט וואו־ניט־וואו אַ רויש ווי פון אַ טרוימען־האַרף,
ציטערט, כישופט, פירט ביז צו אַן אָפּגרונט־ראַנד, און ווערט פאַררעטעריש פאַרשוואונדן.

די זון, די ברענענדיקע זון, פאַרפירט די סטעזשקע אין געדיכטן וואַלד.
מע בויגט ניט־ווילנדיק די קעפּ אַדורכגיין אונטער שווערע צווייגן.
דעם וועג פאַרלוירן האָט ניט איינער דאָ. דאָס גרינליכט פאַלט און פאַלט.
דער דעמער איז דאָ נאַכט. די נאַכט — אַ תהומיק שווייגן.

פינקלען בלאָנדזשע־פייערלעך. און איטלעך פירט דורך
זומפּן, מאַניעט, מאַניעט.
די זיסע טרייסט — האַרץ־זינקענדיק און וויסט. די
אירליכט פירן אונדז אַראָפּ פון זינען.
דורך ווילדער נאַכט — דעם לינדוואָרעם באַזיגט. זיין
לעצטער אָטעם וויאַנעט.
און מאָדנע: ס׳עפנט זיך אַן אַלטער, וואויל־באַקאַנטער
וועג. און גלייכגילטיק די שוואַרצע טיפקייטן
צערינען.

און ס׳ווערט פון וועג אַ שמאָלע סטעזשקע, דין און שאַרף:
פאַרלירט זיך, שפּרינגט אַרויס, ווערט שוואַרץ און פּלוצים
אָנגעצונדן.
דאָס פעלד איז טויט. עס ציטערט וואו־ניט־וואו אַ רויש
ווי פון אַ טרוימען־האַרף,
ציטערט, שרעקט און פירט צום לעצטן אָפּגרונט־ראַנד —
און ווערט, אַ ניט־פאַרשטאַנענער, פאַרשוואונדן.

הערנדיק בעטהאָווענס „פאַר עליז"

מיר דוכט, איך בין בלויז האַלב־וועג דורכגעגאַנגען.
איז מעגלעך, אַז איך לעב מיין גאַנצן לעבן אויפן זעלבן
וועג ?
מיר דוכט, איך האָב שוין דאָ געחלומט ווען.
געווען די ערד, דער זאָמען, פליסטער פון די גאָלדנדיקע
זאַנגען.
איז מעגלעך, אַז צו ווידער־אויפלעבונג איז גאָר ניטאָ
קיין ברעג ?

יאָ, יאָ, ס׳איז מעגלעך אַלץ, ווי ס׳זיינען מעגלעך מיינע
טרערן,
וואָס קיינער זעט ניט, ווי עס שלינגט מיין ענגער־
ווערנדיקער האַלדז.
ס׳איז מעגלעך, מעגלעך. פון וועלכע טיפן
גיט אַ שפּאַר, אַ שטראָם ?—אָ גאָט, נאַר ניט היסטעריש !—
און ווען ? פון וועלכן דור ? אין וועלכן בלי איז דאָס
געווען אַלץ ?

די לעבנס שטראָמען־אויף אין נאַכטוואַנדל, ווי אַלע טייערע אבדות.

איך וויל זיי קיינמאָל ניט דערזען. ניט איך דערקען, ניט איך באַגריס.

נאָר איינס, נאָר איינס איז דייטלעך, ווי דאָס זיסטע שיידן, און דאָס ביסטו, עליז, דו קיינמאָל ווירקלעכע און ניט פאַרווירקלעכטע עליז.

דער גאַנג אָן דיר איז שווער. מיט דיר — נאָך שווערער.

איך כאַפּ דעם אָטעם אָפּ. גלייך אויס די מעגלעכסטע מחשבות פון מיין סוף.

די באַנק איז אַלט, מסתם ווי איך. דאָך פעסט. ניט קיין כימערע.

דאָס טירל איז, ווי תמיד, — אומפאַרהאַפּט — פאַרמאַכט, פאַרהאַפּט אין שלאָף.

דיין הויז דערקען איך, כאָטש איך האָב עס קיינמאָל ניט געזען.

איך בין דער סוד פון זיינע אַלע שאָטנס. דער טרוים פון אַלע פאַסן ליכט.

און כ׳לעב דאָרט לעבנס... אָ עליז, ווען שטאַרב איך, ווען ?

און אויך די לעצטע האָפנונג האָט צעשטערט דיין קינדעריש אָנגעזיכט.

די אַלטע כליפּענדיקע פּיאַנע ווײנט מעטאָדיש אויס
דײַן קינדערשע, דײַן קײנמאָל ניט געווזענע געשטאַלט.
און דו אַלײן, אין טענער, לאַנגזאַם שאַפּסט און קרויזסט
און קרויזסט
דײַן אײגן לעבן, זיך אַלײן, דײַן זעל, דײַן דינסטן פֿאַלד.

געהערט. געזעסן לאַנג. נו וואָס — ניט אומקערן די יאָרן.
כ׳האָב קוים זיך אויפגעשטעלט און קוים אַוועק.
געהויקערט, שוועבן לאַנגזאַם צו, און קרײַזן האַסטיק אָפּ,
די בילדער אין זכרון.
דורך טרערן ווערט מיר ווידער לויכטנדיק די מיט פֿון
שווערן וועג.

און מאָדנע. בלויז אײן לעבן, בלויז אײן רגע דאָ געווען.
זיך אָנגעכאַפּט אין שאָטן־טענער, שאָטן־צוימען.
און כ׳האָב דערטרוימט, דערטרוימט וואָס איז געשען,
און בלויז געבליט, מיט גוואַלד געבליט אין מאַטערדיקע
טרוימען.

מיר דוכט, איך בין בלויז האַלב־וועג דורכגעגאַנגען.
איז מעגלעך, אַז איך לעב מײַן גאַנצן לעבן אויפֿן זעלבן
וועג ?
מיר דוכט, איך האָב שוין דאָ געחלומט ווען.
געווען די ערד, דער זאָמען, פֿליסטער פֿון די גאָלדנדיקע
זאַנגען.
איז מעגלעך, אַז צו ווידער־אויפֿלעבונג איז גאָר ניטאָ
קײן ברעג ?

יאָ, יאַ, ס׳איז מעגלעך אַלץ, ווי ס׳זיינען מעגלעך מיינע
טרערן,
וואָס קיינער זעט ניט, ווי עס שלינגט מיין ענגער־
ווערנדיקער האַלדז.
ס׳איז מעגלעך, מעגלעך. פון וועלכע טיפן
גיט אַ שפּאַר, אַ שטראָם ?—אָ, גאָט, נאָר ניט היסטעריש !—
און ווען ? פון וועלכן דור ? אין וועלכן בלי איז דאָס
געוועזן אַלץ ?

דער קוואַל

אין האַרץ פון נאַכט. אַן איינזאַמער, אַ לעצטער,
לייען איך אַ פייער־כתב, געפירט פון אַ וויסטער
חיה־רעה־האַנט.
די אותיות — פינצטערע גורלות. די ווערטער — גזר.
און פון די שוואַרצע פייערן — מענגעס מערנדיקע ספרוטן.

אין האַרץ פון פעסטונג — אומגליקלעכער, לעצטער
פעסטונג,
וואַך איך שאָטנלאָז, פאַרהוקעט און פאַריאָגט.
מיט קראַנקסטע נערוון האַלט איך אָפּ דאָס האַרץ פון
איבערבראָך,
בעת איך זינק, געלעמט, אין כף־הקלע פון באַטרוג.

אין האַרץ פון פאָלק. מיין אומגלגלקלעך, פאַרפייניקט פאָלק.
אָטעם איך אין זכות פון אַ טיפן־טיפן קוואַל.
דעם קוואַל איז ניט צו הערן. דעם אויסשטראַל ניט צו זען.
נאָר ס'דערגייט פון אים אַ קוים־באַמערקטער ציטער —
פון אייביקייט און גאָט.

שטילקייט

פאַרוואָרלאָזט ליגט דער אַלטער וועג.
אַן אויפגעריסענער, אין שיין פון טויטע שטערן.
אין גראָזן הויכע ביי זיין ראַנד — אפילו ניט קיין אימה מער.
בלויז אָטעם זינלאָזער, בלויז ברעקלעך פון אַ חלום.

און ליגנדיק באַהאַלטן אין דעם ווילדן גראָז,
גליט־אויף אַמאָל אין פינצטערן זיכרון:
דער וועג האָט דורות־לאַנג געפירט,
געפירט צום הויכן הויז, צום שווייגנדיקן סאָד, די קילע
שייערן, די שטאַלן.

איצט שטאַרן דאָרטן חורבות ביי דעם אָפּגעברענטן וואַלד.
און ס'שלאָפן אין דער לעצטער וויסטער שטאַל —
פאַרזונקען אין אַ הינערפלעט —
די לעצטע דריי אַנטרונענע מלאכים.

און דאָ, פאַרשטעקט אין די געהיימע גראָזן,
טליען־אויף נאָך ברעקלעך פון אַ רעיון,
און וועקן די אַנטרונענע, און וועקן זיי — ניט צו דערוועקן.

און אין יעטווידער אשמורה שאָטנט־אויף אברהמס אור־
געשטאַלט,
און וואַקסט, און וואַקסט, און שפּרייט זיך דורכן טיף
פון הימל,
און ווערט צונויפגעגאָסן מיט דער נאַכט.

און ס'ליגט דער אַלטער וועג אין אייביקייט,
אַן אָפענער, אַ פינצטער־אָפענער, אַ תהומיקער.

די טויטע נאַכט

שטילקייט,
הער מיך.
די נאַכט איז טויט.
אין זילבער ברענט דער וואַלד דערשטוינט.
אין פעלד, אין פאָספאָר ליכט,
ווייזט זיך גאָט, גאָר אומגעריכט.
די בלומען — שוואַרץ, דער נאַכט־טוי — שוואַרץ.
בלויז גראָז און זאַנגען — ווייס און ווייס.

דו האָסט געזאָגט, אַז פינצטערניש וועט קיינמאָל גאָרניט
שטאַרבן.
וואו ביסטו וואו ? אין וועלכן צייכן, וועלכן אות ?
די נאַכט איז קיינמאָל ניט געוועזן טויט אַזוי ווי היינט.
און שטערן האָבן קיינמאָל ניט געאַשט אַזוי אין ווייסן
גראָז.

מיר דוכט, איך הער אַ ווייטן ציטער פון אַ רוף.
איך ווייס, דאָס זיינען לעצטע ספּאַזמעס פון דערינערונגען.
און פּלוצים, ווי פון דורות־טיפן וואָלט זיך טראָגן
אַ טויבער גזר:
„שעלט גאָט און שטאַרב״.

און גאָט אין פאָספאָר־ליכט,
ווייזט זיך אומגעריכט
און זעיט צעבליטע פייער־קערנער,
און לאַנגזאַם בלייכט די טויטע נאַכט.
און גאָט, — גאָט זעיט און זעיט און זעיט.

צלם אלוקים

דאָ זײַנען טויערן געשטאַנען.
דאָס ליכט פון יעקבס חלום האָט אין חשכות דאָ געוואַכט.

אַ שווייגעניש — אומשטערבלעך, אומפאַרשטאַנען,
און וואַקסט, און וואַקסט — און גייט־אויף שכלדיק־
פאַרחלשט אין דער נאַכט.

דאָ זײַנען ברונעמער געשטאַנען.
אין אור־אור־ערשטן טרוים.

און זייער אָטעם האָבן מיר קוים־קוים געפילט, און ניט
פאַרשטאַנען,
ווי זייער טיפקייט — וואו ס׳ליגט לבנה אַ צעבראָכענע
אין ווייסן פייער־שוים.

מיר זיינען פאַר די טויערן געשטאַנען.
ביים אויפציטער פון מאָרגנשטערן — אַלצדינג הויך
באַגריפן און דערקענט.

און אונדזער יעקב־חלום טיף פאַרשטאַנען,
און קיינמאָל ניט אין סנה דערברענט.

דער ווינט ציילט אומפאַרשטענדלעך רואיק,
אומפאַרשטענדלעך לויז —
נעמען, שחיטות, דורות — אָן אַ סוף, אָן אַ סוף.

און פלוצים ברעכט אַ שטילקייט אויס,
און שרייט באַנומען ווי אין טיפסטן שלאָף:

„מיר זעען ניט! אַוואו די טויערן? אַוואו איז יעקבס
לאַנד?
מיר באַנעמען ניט גאָטס דרכים מער!"

דער מולד אָבער זעט, ווי אינעם בראַנד,
דורך טייכן בלוט, דורך חורבות און דורך טייוולס יעדן
שטער —

שטייען אַלץ די טויערן.
אין אורליכט פון דער ערשטער־ערשטער שטים.

און אין חשכות טויט דעם שטנס רעגנבויגן טרויערן
וואָס מיר טראָגן נאָך דעם צלם אלוקים.

דער אָרון

געווען נאַכט. גענידערט האָבן טריט אין טאָל.
מיט גוואַלד גענידערט — געזונקען און גענידערט.
אין וואָסער טאָל איז דאָס געווען ? אין וואָסער צייט ?
האָט עמיצער געאַנט ? האָט עמיצער געוואוסט ?

שטיל האָט יעדער טראָט געזיפצט.
דעם אָטעם אָפּכאַפּן האָט קיינער ניט געקענט.
די גראָזן האָבן שטיל געקלאָגט.
אין אַנגסטן האָבן פייער־פליגן זיך געלאָשן.

וואָס האָט אונדז ווי מיט צוואַנגען דאָרט געצויגן ?
צום קדמון ? צום אור־אור־ערשטן תוהו ?
צי האָבן אונדז געצויגן גוואַלד־געהיימע וואָרצלען,
זיך וואָרצלען, ביזן טויט זיך וואָרצלען אין עיבויים
פונעם פאָלק ?

אַ פּעלד פון ווייץ האָט פּלוצים אויפגעשיינט.
— די אייגענע, מיט אייגן בלוט באַפּלעקטע זאַנגען
האָבן מיר געשניטן.
איז דאָס געוועזן איצט ? איז דאָס געווען בית־שמש ?
און פּלוצים איז געוואָרן פינצטער אומעטום.

די גראָזן גייען־אויס אונטער די אימהדיקע טריט.
דער טאָל איז ווי אַ תהום. מיר זינקען דאָרט —
פאַרגליווערט.
און ווייט אין שוואַרצן הימל, הויך איבערן באַרג, האָבן
הערנער אויפגעלויכטן.
און משהס הערנער האָבן זיך געשטאַרקט, געבליצט
און אויפגעשטראַלט.

און אין דער ווייטער, אומפאַרשטענדלעך־שטומער שרפה
גייען לאַנגזאַם אויף, גייען אָן־סוף לאַנגזאַם אויף
לבנהדיקע אָקסן צוויי, געשפּאַנט אין אַ לבנהדיקן וואָגן.
און אין דעם רעגנבויגן — חלומט, חלומט דאָרט אַן
אַלטער, אַלטער אָרון.

גיהינום־טירן

געוועזן איז עס — אוממעגלעכער און וויסטער חלום.
און איצט אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע און קלאָרע וואָר.

פון הימל פאַלן זיי, די טירן, וואַנזיניק, און רויט,
מיט פליענדיקע שרפות,
הילכן מיט גיהינום־קולות אָפּ,
וואַקסן, פליענדיק, און וואַקסן,
און מיט פּינקטלעכקייט פון טויט,
פאַלן קראַכנדיקע גלייך אויף אונדז אַראָפּ.

געוועזן איז עס — אוממעגלעכע און וויסטע וואָר.
איז דאָס אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכער און קלאָרער חלום ?

מיר ליגן, איינגעקלאַמערט, איינער אויפן צווייטן,
ווי הויפנס חיות, פאַרשראָקענע, — און אָן פאַרדראָס.
און וויפל אייביקייטן ! ווען וועט מען שוין חיותדיק אונדז טייטן ?

און מיר אָטעמען נאָך אַלץ.
און ווייסן ניט, פאַרוואָס.

אַמאָל . . . עפּעס וואָס געוואוסט . . . עפּעס אַ פאַרוויר . . .
אַ נעפּל אָטעמט־אויס דעם מולד, אָטעמט־אויס און שפּינט —
אַ ציטערדיקן לייטער, ביז צום שוים פון הימל־טיר,
און מיטאַמאָל . . . אַלץ אין שוואַרצקייטן צערינט.

ניטאָ קיין שלאָף. ניטאָ קיין וואַכזאַמקייט.
צומאָל בליצט־אויף אַ גרויסער פייערדיקער אות.
מר ווייסן ניט, און ווילן גאָרניט וויסן דעם באַדייט.
און ווייסן ניט, פאַרשטייען ניט, פאַרוואָס.

אָנגעהויפט, פאַרטאַיעט, ליגן מיר,
אין אָפּגרונטן — פאַרשראָקענע. און אָן פאַרדראָס.
פון גיהינום קראַכן וואַנזיניק אויף אונדז
— אָן אויפהער — טיר נאָך טיר.
מיר אָטעמען נאָך אַלץ.
און ווייסן ניט, פאַרוואָס.

אין הויז אומשטערבלעכן

לאַנגע נעכט. ווייסע שטערן שלאָפן אויף די שוועלן.
אַלטע שאָטנס שלאָפן. ס׳שלאָפט די גאַנצע וועלט.

וואַכט דער שומר ערגעץ־וואו? שלאָפט דער שומר
ערגעץ־וואו?
איז דען גאָר געווען אַ שומר ווען־ניט־איז?

די טעג — יאָ, — די טעג. ניטאָ. ניטאָ. זיינען זיי געוועזן?
אין הויז אומשטערבלעכן — ווער איז דאָ געבליבן?

פון צייט צו צייט גייט עמיץ אום.
מע זעט אים ניט. און גייט דאָ אום.

גייט אום. פאַרלעשט, פאַרלעשט די שטומע ליכט.
און נאָך לאַנגע תהומיקע הפסקות צינדן זיך די ליכט
דאָ ווידער אָן.

און איטלעך מאָל ווערט פּיינלעך־אָבלדיקער — דער
צידוק, דער צידוק הדין.
און איטלעך מאָל ווערט פּיינלעך־געטלעכער — דער
גאַנצער רעיון.

די לאַנגע, לאַנגע נעכט. און דאָס איז אַלץ, וואָס ס׳קומט
דאָ אייביק פאָר.
און שטערן, שטערן שלאָפן אויף די שוועלן.

#ביים גליווערדיקן טייך

ביים גליווערדיקן טייך איז דאָס געווען,
ביי דעם פאַרשטומטן וואַלד איז דאָס געווען.
איצט שפרייטן זיך דאָרט שטחים, ווייטע שטחים חורבות,
אין שטאַרע גרויקייטן פאַרבליפט.

די זון, אַ בלאַסע, ליגט באַגראָבן ערגעץ־וואו
אין טיף־פאַרפאַלענע מכפלות.
דער ריינער מולד, די מזלות ריינע —
אויך פאַרפאַלן אין די תהומען פון דעם כף־הקל׳.

און שטיל איז דאָ — אָן אייביקייט.
און טויט — דער גאַנצער מרחק.
פאַראַן אַ דמיון ערגעץ־וואו ?
פאַראַן אַ שאָטן־רמז פון אַ זינען ?

נאָר איין זאַך טרעפט דאָ יעדע נאַכט.
אין מיט פון נאַכט, אין מיט פון חורבות, הייבט אַ ווייסער
בוים אָן וואַקסן.
אַ בוים מיט ווילדע פעכער־צווייגן — דריי אויף יעדער
זייט.
אַ ווייסער ווילדער בוים, און וואַקסט און וואַקסט אין
פינצטערניש,
און וואַכט, און רירט זיך, — ניין, ער רירט זיך ניט,
ער וואַכט . . .

און ווען דאָס חשכות גרויט זיך אין פּאַראומערטע קאַיאָרן,
דערזעט מען ערשט — דער בוים איז גאָר אַ בלינדער שרף,
מיט שאַרפע ווילדע פליגלען — דריי אויף יעדער זייט.

און ס׳שטומט אַ שטומעניש צו אים —
די אור־טיף פון דעם אור־אור־אַלטן וואַלד:

„שוין ווידער דאָ? דערציילן אונדז, אַז אַלץ איז מיט כוונה,
מיט אַ זין?
„דערציילן אונדז: דאָס בלוט איז אויפגעזאַמלט, די
טרערן אויפגעזאַמלט,
„עינויים אויפגעזאַמלט, די פייער־טויערן, גיהינום־טויערן,
די קאַמערן, די תליות... ?״

און פון דעם גליווערדיקן טייך הייבט זיך אויף אַ שטומעניש:
„ווערסט ווידער אָנהייבן דערציילן: — ווי מע קען ניט
גרונטעווען די תהומען ליידן,
ווי מע קען ניט אויסציילן די באָכן טרערן, אויסמעסטן
די טייכן בלוט,
„אַזוי קען מען ניט באַנעמען כביכולס וועגן ?״

און ס׳שרייט אַ שטומעניש — דער גאַנצער מרחק חורבות:
„נו, הייב אָן ווידער, ווי דו טוסט עס פון קדמונים, יעדע,
יעדע נאַכט:
— און אַלץ איז אָפּגעוואויגן, און אַלץ איז אָפּגעמאָסטן,
און אַלץ — געוואַלד, רבונו — אַלץ איז צוגעגרייט,
מתקן זיין פאַר אייך דעם לעצטן תוך פון צדק און פון גנאָד.״

און ס'שווייגט, עס ענטפערט ניט, דער בלינדער שרף,
און בלייכט און בלייכט אין מיטן פון דער וויסטעניש,
ווערט דורכזיכטיק און דורכזיכטיק — און ווערט אינגאַנצן
ניט...

:: :: ::

ביים גליעווורדיקן טייך —
ביים אור־אור־אַלטן וואַלד —
אין מיט פון שטחים חורבות —
אין מיט פון טויטער וועלט —

„קענטיקאָיס" — די אינדיאַנער קומען זיך אַמאָל צונויף אין אַ גרויסער צאָל און פאַרקלייבן זיך ווייט אין דער ווילדעניש, וואו זיי עסן און טרינקען ביז איבערזעטיקייט. אַזעלכע צוזאַמענקומענישן הייסן קענטיקאָיס. טייל באַטראַכטן דאָס ווי אויסגעלאַסענע הוליאַנקעס אָדער וואַקכאַנאַליעס ; אָבער די, וואָס האָבן זיי נאָכגעפאָלגט פּער־זענלעך אין די דאָזיקע באַהעלטענישן, גיבן איבער אַזעלכע באַריכטן וועגן דער אויפפירונג פון די אינדיאַנער, אַז עס איז גרינג זיך פאָר־צושטעלן, אַז זיי דריקן אויס בשותפותדיק זייער פאַרערונג צו אַן אומ־זעבאַר וועזן".

„געשיכטע פון אַמעריקע" פון דזשאַן פראָסט

„מעגי" — איז דאָס מיידל מעגי בוירנעט פון מיין בוך לידער „אונדזער פיעראָ".

פונעם זעלביקן מחבר :

לידער, פאַרלאַג אינזיך, 1924

אונדזער פּיעראָ (לידער), פאַרלאַג אידיש לעבן, 1927

סיסטעם און רעלאַטיוויקייט אין פּאָעזיע (וועגן מיכל ליכטן), פאַרלאַג אידיש לעבן, 1927

מסעות פון לעצטן שאָטן (לידער), פאַרלאַג באָדן, 1936

אברהם רייזען (דער דיכטער פון ליד), פאַרלאַג באָדן, 1936

אידישע קלאַסיקער־פּאָעטן, פאַרלאַג באָדן, 1937

ביים ראַנד (לידער), פאַרלאַג באָדן, 1945

הויפּט־פאַרקויף
ציקאָ ביכער־פאַרלאַג
CENTRAL YIDDISH CULTUR ORGANIZATION—CYCO
425 Lafayette Street
New York 3, N. Y.

POSY-SHOULSON PRESS
NEW YORK 11, N. Y.
255